# רבי אביגדור ענטפערט...



שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות, און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

טהרה
תשפ"ב לפ"ק
גליון רט"ו

**פראגע**

## פארוואס זאגן מיר "הא לחמא עניא" אנהייב פון די הגדה, בעפאר "מה נשתנה"?

**ענטפער:**

**"הא לחמא עניא"** – דאס איז די ארימע ברויט וואס אונזערע עלטערן האבן געגעסן אין מצרים. דאס מיינט אז מיר דארפן דאנקען הקב"ה פאר די נסיונות וואס ער האט געגעבן פאר אונזערע אור-עלטערן אין מצרים, און וואס ער גיבט אונז כסדר. ער האט געטון **א געוואלדיגע חסד** פאר זיי ווען ער האט געברענגט אויף זיי צרות אין מצרים.

דעריבער הייבן מיר אן דעם סדר מיט'ן גרויסן יסוד; אז **אלע** שוועריקייטן וואס מענטשן גייען דורך אויף דער וועלט איז פאר זייער תועלת **אז זיי זאלן מצליח זיין אין זייער לעבן**. און וועגן דעם הייבן מיר האבן די גאנצע הגדה מיט אט די דעקלעראציע, ווייל דאס איז דער יסוד פון פארשטיין אלע **דרכי ה'**, די וועגן וויאזוי דער אויבערשטער פירט די וועלט. **"כל דרכי ה' חסד ואמת"** - אלע וועגן פונעם אויבערשטן זענען מיט גענאדע און אמת. עס איז נישט דא גארנישט וואס הקב"ה טוט וואס איז נישט קיין חסד.

דער שיעבוד מצרים איז געווען זייער ביטער און מיר גייען עס טאקע דערציילן באריכות דורכאויס די גאנצע הגדה, ווען מיר עסן די מרור און מיר וועלן רעדן איבער אלעם וואס די אידן האבן מיטגעמאכט אין מצרים, דארפן מיר אבער מאכן די הקדמה פון אנהייב אז יעדע איינציגסטע זאך וואס האט פאסירט מיט זיי איז געווען **די גרעסטע סארט חסד** וואס קען נאר זיין.

און דעריבער הייבן מיר מיט דעם אן די הגדה צו פארשטיין די חסדים וואס דער אויבערשטער האט געטון צו אונזערע עלטערן אין מצרים.

**פראגע**

## אויב א מענטש איז שוין נישט ביי זיך אין די לעצטע יארן פון זיין לעבן און האט נישט די געלעגנהייט תשובה צו טון אדער איבערצו'חזר'ן זיינע לימודים און עוסק זיין אין עבודת ה', קען דאס באטראכט ווערן ווי אן עונש פון השי"ת?

**ענטפער:**

**איך** וואלט נישט געזאגט אז ס'איז אן עונש. עס קען זיין אז דער אויבערשטער וויל אים **גרינגער מאכן** דאס פארלאזן די וועלט. לאמיר זאגן אז ער איז א וויכטיגער מענטש; ער האט א גרויסע ביזנעס. אויב וואלט ער יעצט געליגן מיט אלע זיינע יסורים, וואלט עס אים מורא'דיג שטארק וויי-געטון אז ער דארף אויפגעבן אזא גרויסע קאריערע וואס ער האט געהאט.

וואס טוט דער אויבערשטער? ער מאכט אז ער זאל אנהייבן צו פארגעסן. צוביסלעך ווערט דער מענטש צוריקגעצויגן פון דעם סאציאלן לעבן. ער שפירט שוין נישט אזוי שטארק דעם פארלוסט, און ווען ער ווערט נפטר ליידט ער נישט אזויפיל.

ווידעראום א מענטש וואס שטארבט אין מיט'ן פון זיין קאריערע, טראכט ער "וויאזוי קען איך אויפגעבן מיין גאנצע געלט פאר אנדערע מענטשן?! איך האב געארבעט א גאנצן לעבן. וויאזוי קען איך איבערלאזן מיין

כבוד, מיין גרויסע נאמען, וכדומה?״ אבער יעצט, אויף דעם וועג, שיידט ער זיך אפ צוביסלעך. ער דרייט זיך שוין נישט אין די גאסן. מענטשן באזוכן אים מער נישט. עס איז נישט דא צופיל מיט וועם צו רעדן. ער פארשטייט שוין מער נישט. צוביסלעך ווערט ער ארויסגעצויגן פון אן אקטיווע לעבן און ער ווערט פארשווינדן צוביסלעך; במילא איז עס א גוטע זאך פאר אים.

אבער צומאל מאכט דער אויבערשטער אן אויסנאם און ער **באלוינט** צדיקים מיט א פולע דעת ביזן סוף. דער צדיק ליגט אויף זיין בעט, ער ליידט יסורים, עס טוט אים זייער שטארק וויי, אבער ער האט זיך צוגעגרייט צו דעם מאמענט. זיין גאנץ לעבן האט ער געזאגט קריאת שמע און ער האט זיך געגרייט דערצו. יעדן טאג האט ער געזאגט **״ואהבת את ה׳ אלקיך בכל לבבך ובכל נפשך״** – דו זאלסט ליב האבן דעם אויבערשטן מיט דיין גאנצן זעל, און די חכמים האבן אונז געזאגט אז דאס מיינט **״אפילו בשעה שנוטל את נפשך״** – אפילו ווען ער נעמט אוועק דיין נשמה דארף מען אים נאך אלץ ליב האבן.

איז ער ליגט אויף זיין בעט און זאגט, ״יא, באשעפער. איך האב דיך ליב. איך קען נישט פארגעסן וואס דו האסט געטון צו מיר מיינע אלע יארן; ווי גליקליך איך בין געווען אלע טעג פון מיין לעבן. איך זינג צו דיר אלע מיינע טעג ווייל דו האסט מיר געטון אזויפיל גוטס. דו האסט מיר געגעבן אזויפיל געזונטע יארן. בלויז צוליב דעם וואס פאסירט צו מיר יעצט וועל איך אלעס פארגעסן? ניין, איך וועל נישט זיין אזוי אומדאנקבאר. יעצט האב איך א געלעגנהייט דיר ליב צו האבן **טראָץ** די יסורים. איך גיי זינגען צו דיר. איך גיי שטארבן מיט הכרת הטוב צו דיר, מיט די גרעסטע ליבשאפט.״

אזוי לאזט א צדיק איבער די וועלט. אַהַ! דאס הייסט אהבת ה׳, אפילו בשעה שנוטל את נפשך, אפילו ווען ער נעמט אוועק די נשמה.

נישט פאר יעדן ווערט געגעבן אזא פריוויליגיע. נישט יעדער איז גרייט אויסצונוצן אזא פריוויליגיע. מען דארף זיך טרענירן דערצו. עס איז נישט גרינג ליב צו האבן ווען עס טוט איבעראל וויי. האט איר שוין אמאל געזען א מענטש וואס גייט אויס? איך בין אמאל געשטאנען ביי יציאת נשמה. ער איז געליגן אויף א בעט וואס האט געהאט ווענט ארום דעם אז ער זאל נישט ארויספאלן; אזוי ווי א בעבי וואס ליגט אין א קריב מיט ווענט. ער האט זיך געוואלגערט אויפ׳ן בעט מיט יסורים. עס איז נישט געשמאק צו שטארבן. עס איז זייער שווער זיך צו גרייטן ריכטיג צו דעם מאמענט.

אבער טאמער א מענטש האט שטודירט זיין גאנצע לעבן; ווי די גמרא זאגט (ברכות סא:), רבי עקיבא האט געזאגט **״כל ימי הייתי מצטער על פסוק זה״** – מיין גאנץ לעבן האב איך געארבעט אויף דעם פסוק, און געטראכט **״מתי יבוא לידי ואקיימנה״** – ווען וועט עס קומען צו מיר, איך זאל עס קענען מקיים זיין?

מען דארף דאס פראקטיצירן ווען מען זאגט קריאת שמע. ווען מען לעבט אין גליקליכקייט דארף מען טראכטן, ״איך האב דיר ליב באשעפער פאר׳ן מיר געבן עסן יעדן טאג, פאר׳ן מיר געבן פרנסה, פאר מיר געבן א דאך איבער׳ן קאפ, פאר׳ן האלטן מיין משפחה געזונט. איך האב דיר ליב פאר אלעס וואס דו טוסט מיט מיר.״ כסדר טראכט מען וועגן דעם. און צוביסלעך ווערט די ליבשאפט א חלק פון דיין פערזענליכקייט, און עווענטועל ווען די לעצטע טעג קומען – אזוי ווי עס מוז געשען מיט יעדן – טראכט מען וויאזוי דער אויבערשטער וועט דיר ברענגען צו דעם קומענדיגן וועלט, די וועלט וואס איז פיל מיט שמחה, און מען האט אים נאך מער ליב צוליב דעם, און די אהבה קומט איבער אלע יסורים.

יעצט די יסורים פון מיתה האט צוויי מטרות, צווישן אנדערע. איין ציל איז פאר א כפרה. ווען א מענטש איז גרייט אנצונעמען די כפרה, ווישט עס אפ זייער אסאך עבירות. נאך א ציל פון יסורים און מיתה איז ווייל עס מאכט אים צופרידן איבערצולאזן די וועלט. ווייל אז נישט וויל קיינער נישט פארלאזן די וועלט. אבער אז ער מוטשעט זיך, איז ער שוין צופרידן פטור צו ווערן פון די יסורים און דערפאר איז דאס טויט א מתנה פאר אים.

ווען א מענטש פארשטייט דאס און ער איז דאנקבאר פאר השי״ת ווען ער גייט אוועק פון דער וועלט מיט הכרת הטוב, מיט עבודת ה׳, דער מענטש שטארבט פאר א תכלית. (751#)

**צו לייענען וויאזוי הגה״צ ר׳ אביגדור מיללער זצ״ל האט אפגעראכטן די לעצטע טעג פון זיין לעבן, לייענט אינעם וואונדערליכן ביאגראפיע ספר**

***Rav Avigdor Miller - His Life and His Revolution***

**פון הרב יעקב יהושע האמבורגער שליט״א**

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו״ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו״ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט״א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures.
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

סידור ועימוד ע״י מערכת להתענג וכל הזכויות שמורות

# דער צווייטער באנד!

פונעם העכסט-פאפולערן ספר
וואס איז צעבאפט געווארן און
באלאכטן די אויגן פון טויזנטער אידן
## ארויס פון דרוק!




אידיש!

**פרישע הונדערטער
פראגעס און ענטפערס**
אין אלע תחומי החיים, יהדות, השקפה,
עצות, לויט די לויטערע תורה השקפה

דערקוויקט אייער
מח און נשמה!

פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

בס"ד

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
# וועכענטליך אויף אימעיל




נאר אידיש




לה"ק אידיש




נאר לשון הקודש

$1
א וואך
מועדים $3

ברילאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות




- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק







צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז 1$ א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק
http://goo.gl/forms/S8Ozcjl4K1
אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

**כל טוב**